**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/26/2025 **גאווערנער KATHY HOCHUL**

**גאווערנער HOCHUL מעלדט 80 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דשאבס ענוויראמענטאלע באנד אקט געלטער צו שטיצן דויערהאפטיגקייט איניציאטיוו**

***גרענטס זענען יעצט אוועילעבל פאר פראיעקטן וואס פראבעסערן קלימאט דויערהאפטיגקייט לענגאויס ניו יארק סטעיט***

***די פראגראמען שטיצן פראיעקטן צו צוריקשטעלן האביטאט און פלאדפלעינס, רעדוצירן אינלאנד פארפלייצונגען און מאכן ברעג ערטער מער דויערהאפטיג קעגן עקסטרעמע וועטער ווירקונגען***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז 80 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין נייע גרענט געלטער איז אוועילעבל צו קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט פאר קלימאט דויערהאפטיגקייט פראיעקטן. די גרענט, וואס זענען געשטיצט דורך די $4.2 ביליאן ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דשאבס ענוויראמענטאלע באנד אקט פון 2022, וועט שטיצן נאטור-באזירטע און גרינע אינפראסטרוקטור פראיעקטן וואס זענען אנטוויקלט צו רעדוצירן פארפלייצונג ריזיקעס און פארבעסערן קאמיוניטי דויערהאפטיגקייט צו עקסטרעמע וועטער.

"מאכן ניו יארק מער דויערהאפטיג קעגן פארמערענדע שרעקליכע שטורעמס און אנדערע עקסטרעמע וועטער עמערדזשענסיס איז א העכסטע פריאריטעט פאר אונזער סטעיט," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "מיט 80 מיליאן דאלער וואס איז יעצט אוועילעבל פון די ענוויראמענטאלע באנד אקט, וועלן קאמיוניטיס לענגאויס די סטעיט קענען נעמען די נויטיגע שריט צו באשיצן פארפלייצונג-אויסגעשטעלטע געגנטער, באשיצן אינפראסטראקטור און פארזיכערן די זיכערהייט פון זייער היימען, ביזניסער און קריטישע אינפראסטראקטור. די אינוועסטירונגען וועלן נישט בלויז פארשטערקערן אונזער מעגליכקייט צו איבערלעבן צוקונפטדיגע שטורעמס נאר אויך שאפן געזונטערע , מער שטאנדהאפטיגע קאמיוניטיס פאר די צוקונפטדיגע דורות."

די געלטער וועלן ווערן אויסגעטיילט דורך דריי נייע גרענט פראגראמען, וואס זענען אלע פאקוסירט אויף אינוועסטירן אין טוישונגען און פארבעסערונגען וואס וועלן באשיצן לעבנס און פארמינערן די פינאנציעלע יאך פון ערהוילן פון צוקונפטדיגע עקסטרעמע וועטער פארסירונגען. די פראיעקטן שטעלן פאר א אקטיווע צוגאנג צו עמערדזשענסי צוגרייטונג, וואס פריאראטיזירט אינוועסטירונגען וואס פארמינערן די ווירקונגען פון עקסטרעמע וועטער פאראורזאכט דורך קלימאטן טויש.

די דריי דויערהאפטיגקייט פארבינדענע גרענט פראגראמען זענען:

- **דויערהאפטיגע וואסער-שעדס גרענט (Resilient Watersheds Grant) פראגראם:** 45 מיליאן דאלער וועט ווערן אוועילעבל דורך די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג

(DEC), בויענדיג אויף די ערפאלג פון די דויערהאפטיג NY (Resilient NY) פראגראם און ריקנדיג פאראויס די סטעיט'ס ציל פון פארשטערקערן אינפראסטראקטור און באשיצן ניו יארקער פון די ווירקונגען פון עקסטרעמע וועטער.

- **ברעג ריהאביליטעישאן און דויערהאפטיגקייט פראיעקטן (Coastal Rehabilitation and Resilience Projects) פראגראם:** 20 מיליאן דאלער וועט ווערן אוועילעבל דורך די דעפארטמענט או סטעיט (DOS) פאר ברעג קאמיוניטיס. די פראגראם פריאריטאזירט פראיעקטן וואס נוצן נאטור-באזירטע לעזונגען צו פארבעסערן קאמיוניטי דויערהאפטיגקייט און אין די זעלבע צייט צושטעלן ענווייראמענטאלע, עקענאמישע און סאושעל בענעפיטן.
- **אינלאנד פארפלייצונגען און לאקאלע וואסער-ברעג אויפלעבונג איינפירונג פראיעקטן (Inland Flooding and Local Waterfront Revitalization Implementation Projects) פראגראמען:** 15 מיליאן דאלער וועט ווערן אוועילעבל דורך די DOS פאר איינפירונג פראיעקטן וואס פארבעסערן וואסער-ברעגעס און וואסער-שעד דויערהאפטיגקייט און רעדוצירן קלימאט ווירקונגען, ספעציפיש פארפלייצונגען.

**אינטערים קאמישענער Sean Mahar (שאון מאהאר) האט געזאגט,** "דורך גאווערנער Hochul'ס (האקול) פירערשאפט און היסטארישע ענווייראמענטאלע באנד אקט אינוועסטירונגען, טוט ניו יארק סטעיט פארבעסערן קאמיוניטי דויערהאפטיגקייט קעגן עקסטרעמע וועטער פאסירונגען פאראורזאכט דורך קלימאט טויש. אויסגענוצט מיט פולשטענדיגע עקטעקיוטיווע בודזשעט פארשלאגן, טוען DEC און אונזער סטעיט אגענטור פארטנער פאראויס ריקן פולשטענדיגע פארפלייצונג ריזיקע רעדוקציע פראיעקטן לענגאויס די סטעיט וואס וועלן צוריקשטעלן אונזער ענווייראמענט, פארבעסערן וואסער קוואליטעט און באשיצן קאמיוניטיס."

**נווייראמענטל פאסיליטיס קארפאראציע (Environmental Facilities Corporation, EFC) פרעזידענט און CEO Maureen A. Coleman (מאורין א. קאולמאן) האט געזאגט,** "דורך העלפן מיוניציפאלן צו באשיצן זייערע קריטישע וואסער אינפראסטראקטור פון עקסטרעמע וועטער פאסירונגען, טוען מיר אינוועסטירן אין א מער פארזיכערטע, געזונטערע און מער וואוינבארע צוקונפט פאר ניו יארקער. EFC איז צופרידן צו ארבעטן צוזאמען מיט DEC צו פאראויס ריקן גאווערנער Hochul's (האקול'ס) קאארדינירטע באמיאונגען צו באקעמפן וואסער קוואליטעט פראבלעמען לענגאויס די סטעיט און פארזיכערן גלייכע צוטריט צו ריינע, פארזיכערטע וואסער."

**סעקרעטערי או סטעיט Walter T. Mosley (וואלטער ט. מאוזלי) האט געזאגט,** "די ענווייראמענטאלע באנד אקט איז א היסטארישע און טראנספארמאטיווע אינוועסטירונג אין די צוקונפט פון די עמפייער סטעיט וואס וועט זיך אפצאלן פאר אסאך דורות. די וויכטיגע פראגראמען און פראיעקטן וועלן האבן א ווייט גרייכענדע עקענאמישע, סאושעל און ענווייראמענטאלע בענעפיטן פאר מענטשן און ביזניסער, באשיצנדיג לעבנס, פרנסה און פראפערטיס פון די שאדנס פון קלימאט טויש און צוריקשטעלן קריטישע העביטעטס און עקאסיסטעמען."

**דויערהאפטיגע וועסער-שעדס גרענט פראגראם**

די ציל פון די דויערהאפטיגע וועסער-שעדס גרענט פראגראם איז צו איינשטעלן פראיעקטן וואס האבן א פולשטענדיגע צואגנג צו בויען קאמיוניטי דויערהאפטיגקייט. די קאנקורירנדע גרענט פראגראם לענגאויס די סטעיט איז אפען פאר לאקאלע רעגירונגען, אינדיען פעלקער, קאונטי ערד און וואסער אפהיטונג דיסטריקטס (County Soil and Water Conservation Districts), סטעיט אגענטורן און נישט-פאר-פראפיט קארפערציעס.

פראיעקטן וועלן מוטיגן פארפלייצונג ריזיקע און אייז דזשעם רעדוקציע און צוריקשטעלונג, פארבעסערן פארפלייצונג און קלימאט דויערהאפטיגקייט, איינשטעלן נאטורליכע און נאטור-באזירטע איפבוי אדער עקאלאגיש שטאנדהאפטיגע פראיעקטן בשעת'ן שטיצן געזונטע ריפאריען העביטעטס. פראיעקטן זענען געשטיצט לויט וויפיל געלטער עס איז דא באזירט אויף די אפשאצונג באדינגונגען.

פראיעקטן וואס באשטימט דורך עקזיסטירנדע און צוקונפטדיגע דויערהאפטיגקייט NY פראגראם שטודיעס זענען בארעכטיגט זיך איינצוגעסן פאר די פראגראם. נאך בארעכטיגונג אינפארמאציע קען געפינען ווערן דא: פארפלייצונג און ערהוילונג דויערהאפטיגקייט - NYSDEC

**ברעג ריהאביליטעישן און דויערהאפטיגקייט פראיעקטן פראגראם**
די פראגראם שטיצט די איינפירונג פון פראיעקטן וואס פארמערן דויערהאפטיגקייט מיט א דגוש אויף נאטורליכע פראצעדורן וואס שטעלן צו ענווייראמענטאלע, עקענאמישע און סאושעל בענעפיטן פאר קאמיוניטיס אינערהאלב ניו יארק סטעיט ברעג געגנט און די ברעג נאנפוינט מקור ( Coastal Nonpoint Source) באגרעניצונג.

פולע אינפארמאציע איבער די DOS פראגראם קען געפונען ווערן דא: https://dos.ny.gov/funding-bid-opportunities

**אינלאנד פארפלייצונג און לאקאלע וואסער ברעג אויפלעבונג איינפירונג פראיעקטן פראגראם**
די פראגראם שטיצט איינפירונג פראיעקטן וואס פארבעסערן וואסער-ברעגעס און וואסער-שעד דויערהאפטיגקייט און רעדוצירן קלימאט ווירקונגען, ספעציפיש פארפלייצונגען.

פולע אינפארמאציע איבער די DOS פראגראם קען געפונען ווערן דא: https://dos.ny.gov/funding-bid-opportunities

**וועבינאר און וויאזוי זיך צו איינגעבן**
DEC, DOS און EFC וועלן אויפהאלטן א וועבינאר פאר אלע דריי פאונדינג געלעגנהייטן אויף מערץ 12, 2025, פון 10 ביז 11 אינדערפרי צו זיך איינשרייבן פאר'ן וועבינאר, קליק דא.

אפליקאציעס פאר אלע דריי פאונדינג געלעגנהייטן קענען ווערן אריינגעגעבן דורך די קאנסילידעיטעט פאונדיג אפליקאציע (Consolidated Funding Application, CFA) פארטאל אויף https://apps.cio.ny.gov/apps/cfa/. אפליקאציעס מוזן ווערן איינגעגעבן ביז 4 אזייגער נאכמיטאג אויף פרייטאג, יוני 6, 2025.

ניו יארק סטעיט טוט ווייטער פאראויס שטיפן שטאנדהאפטיגקייט איניציאטיוון וועלכע העלפן באשיצן געמיינדעס. די הייניטיגע מעלידונג טוט צוגעבן צו גאווארנער Hochul (האקולס) עקזעקעטיווע בודשעט פארשלאג צו אינוועסטירן מער ווי 1 ביליאן דאלאר צו העלפן פינאנצירו א מער נאכהאלטיגע און צוגענגליכע צוקונפט. די אמביציעז פארשלאג וועט זיין די איינצלנע גרעסטע קלימאט אינוועסטירונג אין סטעיט היסטאריע, ברענגענדיג טויזנטער דשאבס, שניידנדיג ענערגיע בילס פאר הויזגעזינדער און פארמינערנדיג שעדליכע פארפעסטיגונג.

די היינטיגע מעלדנג טוט אויך באווייזן די וועגן וויאזוי ניו יארק סטעיט אנגייענדע פארפליכטונג קען דערגרייכט ווערן, דורך ארבעטן מיט לאקאלע קאמיוניטיס צו אידענטיפיצירן און אדרעסירן פאטענציאלע צוקונפטדיגע קלימאטן ווירקונגען פארבינדען צו שטייגענדע שטורעמעס, שטייגענדע וואסער שטאפלען און אנדערע אומשטענדן. די עקזעקעטיווע בודשעט נעמט אויך אריין 108 מיליאן דאלאר פאר קלימאט שטאנדהאפטיגקייט איניציאטיוון וועלכע שטיצן ברעגעס שטאנדהאפטיגקייט און נאך פינאנצירונג פאר

גרינע שטאנדהאפטיגקייט גרענטס און זעצט פאר א רעקארד 400 מיליאן דאלאר פאר ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאנד פראגראמען וועלכע נעמען אריין מאסנאמען צו צופאסן און מילדערן קלימאט ווירקונגען. פארשריט זעצט אויך פאר אין אדמיניסטרירן די 4.2 ביליאן דאלאר ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דשאבס ענווייראמענטאלע בונד אקט, וועלכע האט אלאקירט ארום 1.25 ביליאן דאלאר, אדער 25 פראצענט, פון בונד אקט געלטער ביז היינט.

**ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע**
ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א אן אפּאָרדעבעל און יושר'דיגע אריבערגאנג צו אן עקאנאמיע פון ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט דזשאבס פון וועלכע עס איז מעגליך צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס שטופט פאר עקאנאמישע וואוקס דורך גרינע אינוועסטירונגען און פארזיכערט אז א מינימום פון 35 פראצענט פון די בענעפיטן קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ניו יארק רוקט פאראויס א רייע באמיאונגען צו ערגרייכן אן עמישען-פרייע עקאנאמיע ביז 2050, ארייננגערעכנט אין די ענערגיע, געביידעס, טראנספארטאציע און מיסט סעקטארן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן